
געזעגנט דעם „לאַנד פאַר בצחון" באַנקעט פאַר „נחלת הערצאָג"

דינסטאג אווענט, (י' סיון, התש"ב) דעם 26טען מאַי, 1942
אין האָטעל אסטאָר, ניו־יאָרק

V



V

„קיין כח אין דער וועלט וועט אונז נים אפּרייסען פון ארץ ישראל!" דאָס זיינען געווען די זייגעזונד ווערטער צום אמעריקאנער אידענטום פונ'ם באליבטען רב ראשי הגאון רבנו יצחק הלוי הערצאָג שליט"א. זיין הייסער רוף פאַר תורה און גאולת הארץ וועלען תמיד בלייבען אין זכרון פון דעם אמעריקאנער תורה־אידענטום.

די שוידערליכע „שטרומא" קאַטאַסטראָפע מיט 769 פּליטים, וועלכע זיינען געפאַלען קרבנות פון דער שרעקליכער רשעות פון דער ענגלישער אדמיניסטראציע אין ארץ ישראל, וועט נאָך מעהר פאַרשטאַרקען אונזער עקשנות און בטחון אין דעם בנין הארץ.

איצט מעהר ווי ווען עס איז פריהער, מוזען מיר ענטפערן דעם רוף פאַר בנין און גאולת הארץ!

די גראַנדיעזעי אונטערנעמונג פון „נחלת הערצאָג", וואָס טראָגט דעם עהרווירדיגען נאָמען פון'ם רב־ראשי פון ארץ ישראל הגאון הערצאָג, מוז פאַרענדיגט ווערען.

דער קלימאַקס פון דער „נחלת הערצאָג" אונטערנעמונג וועט פאַרקומען ביים גרויסען באַנקעט אין ניו־יאָרק, אראַנזשירט פון „מחלקת החרדים" ביים קרן קימת לישראל, דינסטאַג אווענט, 26טען מאַי, 1942, אין האָטעל אַסטאָר, ניו־יאָרק.

ווי אזוי זיך צו באטייליגען ביים באנקעט און איהם מאכען פאר א גרויסען ערפאלג — **לייענט** דעם רוף פון די מזרחי פיהרער וועלכער איז געדרוקט אויף דער זייט.

חברים! נעמט זיך תיכף ומיד צו דער ארבייט. ארגאניזירט אייערע אגודות פאר גאולת הארץ צום „נחלת הערצאג" באנקעט.

שרייבט אָדער טעלעפאָנירט צום מזרחי אָפיס, אָדער צום דירעקטאר פון „מחלקת החרדים", אונזער חשוב'ען חבר משה מרדכי רובינשטיין:

NACHLATH HERZOG BANQUET
JEWISH NATIONAL FUND
41 East 42nd Street, New York, N. Y.
VAnderbilt 6—3780

נחלת הרצוג
על אדמת
הקרן הקימת
לישראל

ב"ה, י"ג אדר, תש"ב

צו די ווירדיגע רבנים און געשעצטע בעאַמטע פון מזרחי אגודות

חברים נכבדים:

אייך איז באַקאַנט די אקציע וואָס דער מזרחי, דורך די מחלקת החרדים פון אידישען נאַציאָנאַל פאָנד, האָט אונטערגענומען בנוגע „נחלת הערצאָג". מיר ווענדען זיך צו אייך איצט מיט א פייערליכען רוף אונז צו העלפען פאַרענדיגען דאָס וואָס מיר האָבען אָנגעהויבען. איצט, ווען אמעריקא איז אין קריעג, מוזען מיר אלע געדיינקען די ווערטער וואָס אונזער גרויסער פרעזידענט, פרענקלין ד. רוזוועלט, האָט לעצטענס געזאָגט:

„דער צושטאַנד פון מלחמה וואָס עקזיסטירט צווישען אמעריקא און די „אַקסים" לענדער האָט נים בטל געמאַכט אונזער חוב צו ערפילען די דרינגענדע נויטען פון יענע לענדער וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אונז אין דער איצטיגער מלחמה".

אין אַנדערע ווערטער, ווען מיר העלפען פאַרטיידיגען און אויפבויען ארץ ישראל העלפען מיר אויך אונזער געבענטשטע אַמעריקא אין איהר קאַמף געגען איהרע שונאים. אונזער ארבייט פאַר דעם „נחלת הערצאָג" פּראָיעקט טרעט איצט אריין אין א נייער שטופע פון ענטוויקלונג. דעם 26טען מאַי, 1942, וועט אין האָטעל אַסטאָר, ניו־יאָרק, פאַרקומען א באַנקעט וואו מיר האָפען צו שאַפען די סומע וואָס איז נויטיג צו פאַרענדיגען אונזער ארבייט פאַר דער קאָלאָניע פון רעליגיעזע פליכטלינגע וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם ראש הרבנות הראשית אין ארץ ישראל.

מיר האָפען און ערוואַרטען אז **יעדע אגודה וועט זיין פאַרטראָטען מיט א ביישטייערונג פון אַמווייניגסטען 100 דאָלאַר** און אזוי ארום האָבען די פּריווילעגיע פון זיין פאַרטראָטען אויף דעם באַנקעט און באַקומען אן איינשרייבונג אין דעם ספר הזהב לכבוד דעם 40־סטען יובילעאום פון קרן קימת לישראל. איהר האָט געוויס ערהאַלטען א רעסיט ביכעל וואָס זאָל אייך העלפען צו שאַפען $100 פאַר א ספר הזהב סערטיפיקאַט אָדער $25 פאַר א רעזערוואַציע פאַר איין פּערזאָן צום באַנקעט. מיר ווענדען זיך צו אייך מיט דער דרינגענדער בקשה תיכף צוצוטרעטען צו דער ארבייט צו שאַפען די נויטיגע סומע געלד און ווייזען אייער איבערגעבענהייט פאַר דעם הייליגען צוועק.

מיר דאַנקען אייך פאַראויס און האָפען אז איהר וועט זיך באַלד שטעלען אין פאַרבינדונג מיט דער מחלקת החרדים וועגען דעם ענין.

בברכת התורה וציון,

א. ל. געלמאַן, נשיא
מרדכי קירשבליום, מזכיר